NEW

# לקוטי שיחות

VAYEISHEV-CHANUKAH וישב-חנוכה

VOLUME 1, P. 76-85

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# VAYEISHEV I | וישב א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Vayeishev*, 5717 (1956)

## Introduction

The Maggid of Mezritch provides a unique interpretation of the verse, "Yaakov dwelled in the land of his father's sojourning, the land of Canaan."[1] Canaan, he explains, refers to commerce, and *vayeishev*, "dwelled," can be understood as meaning "established himself." Yaakov deliberately involved himself in earthly matters. He did not see this as a descent to be endured but a mission to be embraced – gathering the sparks of holiness embedded in material existence and elevating them to "his father," his Father in heaven. For him, involvement in "the land of Canaan" – worldly activities like herding animals, trading, and agriculture – became the very means of serving G-d.

What a revolutionary message! Many are engaged in the business world for material purposes. Others advocate withdrawing from material involvement to whatever extent possible, devoting themselves to spiritual or charitable activities. Still others engage materially but view such involvement as separate from – and secondary to – their spiritual pursuits. To be deeply and actively involved in the physical world, but for G-d's sake and not one's own – this is the unique approach the Rebbe presents in his exploration of Yaakov's life in Canaan.

---

1. *Bereishis* 37:1.

# Yaakov's Journey / His Descendants' Mission

## Investing in Real Estate – a Spiritual Transaction

1. The Maggid of Mezritch[1] interprets the verse,[2] "Yaakov dwelled in the land of his father's sojourning (מְגוּרֵי אָבִיו), the land of Canaan," as follows:

> "Yaakov dwelled" – Yaakov established himself "in the land (בְּאֶרֶץ)" – in earthly matters (בְּאַרְצִיּוֹת) Why did Yaakov do this? To collect the sparks of holiness that are found in material existence – (the word מְגוּרֵי, translated as "sojourning," also has the connotation "gathering," as in the phrase,[3] "gathers (אוֹגֵר) in the summer") – and elevate them to "his father," his Father in heaven.

True, dwelling and establishing oneself in earthly matters involves a descent. However, the descent is merely temporary and, through such a descent, one is able to expand and ascend.

This dynamic is implied by the phrase "the land of Canaan." "Canaan" also has the connotation of "commerce," as in the verse,[4] "There will no longer be a trader (literally "a Canaanite") in the house of G-d." Commerce requires the willingness to spend money to achieve a profit, as in the verse,[5] "There is one who expends [wealth] and gains more."

א. אוֹיפְן פָּסוּק וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו בְּאֶרֶץ כְּנָעַן, טַיְיטשְׁט דֶער מֶעזְרִיטשֶׁער מַגִּיד[א]: "וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב" - אַז יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען אַיְינְגֶעזֶעסְן בִּישִׁיבָה וְעַכָּבָה "בְּאֶרֶץ" - אִין עֶרְדִישְׁקַיְיט. צוּלִיבּ וָואס הָאט עֶר עֶס גֶעטָאן? בִּכְדֵי צוּנוֹיפְקְלַיְיבְּן - "מְגוּרֵי" (מִלָּשׁוֹן אוֹגֵר קַיִץ[ב]) - דִי נִיצוֹצוֹת הַקְּדוֹשָׁה וָועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע זַאכְן אוּן זֵיי דֶערְהוֹיבְּן צוּ "אָבִיו" שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

אוּן כָאטשׁ אַז דִי יְשִׁיבָה וְעַכָּבָה אִין אֶרֶץ אִיז אַ יְרִידָה, אִיז עֶס אָבֶער מֶער נִיט וִוי צַיְיטְוַויְילִיק, אוּן דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם קוּמְט מֶען צוּ אַ תּוֹסֶפֶת וַעֲלִיָּה.

אוּן דָאס זָאגְט עֶר "בְּאֶרֶץ כְּנָעַן" - כְּנַעַן מִלָּשׁוֹן מִסְחָר אוּן וִוי עֶס שְׁטֵייט וְלֹא יִהְיֶה כְנַעֲנִי עוֹד בְּבֵית ה'[ג], אוּן אִין מִסְחָר פִירְט זִיךְ אַז פְרִיעֶר גִיט מֶען אוֹיס גֶעלְט כְּדֵי שְׁפֶּעטֶער צוּ פַארְדִינֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט[ד] יֵשׁ מְפַזֵּר וְנוֹסָף עוֹד.

## Working for a Profit

2. The lesson we derive from this is that a Jew need not search to achieve great and wondrous things. Instead, his Divine service must involve

ב. דִי הוֹרָאָה דֶערְפוּן אִיז:

אַ אִיד דַארְף נִיט זוּכְן קֵיין גְרוֹיסֶע זַאכְן דַוְקָא, נָאר זַיְין עֲבוֹדָה דַארְף

---

1. *Or Torah, Parshas Vayeishev,* sec. 48, 51.

2. *Bereishis* 37:1.

3. *Mishlei* 10:5.

4. *Zechariah* 14:21.

5. *Mishlei* 11:24.

“collecting,” refining, and elevating the sparks of holiness that are found in material entities.

For what purpose should one carry out this service? For the sake of his Father in heaven. Our Sages[6] describe the Jews with the analogy of a bee: “Just as a bee collects [honey] solely for its owner, so too, all that the Jewish people do, they do [solely] for the sake of their Father in heaven.” Their Divine service is not for the sake of receiving any kind of reward – not a material reward, and not even a spiritual reward.[7] Instead, their entire Divine service must be solely for the sake of their Father in heaven.

For a person to safeguard his Divine service from any trace of ulterior motive creeping in, his service must specifically concern simple matters. When he is busy with lofty matters involving his powers of understanding and comprehension, it is possible he will feel a vested interest. For his Divine service to be pure, without any ulterior motive, it must be simple service, involving simple matters.

My revered father-in-law, the Rebbe Rayatz,[8] commented that the simplicity of simple Jews connects them with the utter simplicity of G-d’s Essence. Similarly, in the present context, simple Divine service with simple matters bonds a Jew with the utter simplicity of G-d’s Essence.

This reflects the virtue of *kabbalas ol,* “the acceptance of G-d’s yoke” – the virtue which earned the Jews the title, “the Army of G-d”[9] – for a soldier’s defining characteristic is *kabbalas ol.*

זַיְין צוּנוֹיפְקְלַייבְּן, מְבָרֵר זַיְין און מַעֲלֶה זַיְין דִי נִיצוֹצוֹת פוּן קְדוּשָׁה ווֶעלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אִין ווֶעלְטִישֶׁע זַאכְן.

און צוּלִיבּ ווָאס דַארְף מֶען עֶס טָאן - ״אָבִיו״, צוּלִיבּ זַיְין פָאטֶער אִין הִימְל. יִשְׂרָאֵל נִמְשְׁלוּ לִדְבוֹרָה[ה], מַה דְּבוֹרָה כָּל מַה שֶּׁמְּסַגֶּלֶת אֵינָהּ מְסַגֶּלֶת אֶלָּא לְבַעְלָהּ כַּךְ יִשְׂרָאֵל כָּל מַה שֶּׁעוֹשִׂין הוּא לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם (אִידְן זַיְינֶען גֶעגְלִיכְן צוּ אַ בִּין, אַזוֹי ווִי אַ בִּין, אַלְץ ווָאס זִי נֶעמְט אַרַיְין אִיז דָאס פַאר׳ן בַּעַל הַבַּיִת, אַזוֹי אוֹיךְ אִידְן - אַלְץ ווָאס זֵיי טוּעֶן אִיז דָאס פַאר זֵייעֶר פָאטֶער אִין הִימְל), נִיט קֵיין עֲבוֹדָה עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס (אוֹיף צוּ קְרִיגְן אַ בַּאלוֹינוּנְג) אִין גַשְׁמִיוּת אָדֶער אִין רוּחְנִיוּת[ו], נָאר דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדָה דַארְף זַיְין לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

און בִּכְדֵי צוּ פּוֹעֵל׳ן בַּיי זִיךְ אַז אִין דֶער עֲבוֹדָה זָאלְן זִיךְ נִיט אַרַיְינְכַאפְּן קֵיין פְּנִיּוֹת, אִיז דָאס דוּרְךְ עֲבוֹדָה אִין פָּשׁוּט׳עֶ עִנְיָנִים דַּוְקָא. בְּשַׁעַת עֶר הָאט צוּ טָאן מִיט דֶערְהוֹיבֶּעֶנֶע עִנְיָנִים פוּן הֲבָנָה וְהַשָּׂגָה, דָארְטְן קָאנֶען זִיךְ אַרַיְינְכַאפְּן פְּנִיּוֹת, און בִּכְדֵי אַז זַיְין עֲבוֹדָה זָאל זַיְין אַ רֵיינֶע, אָן פְּנִיּוֹת, אִיז דָאס דוּרְךְ עֲבוֹדָה פְּשׁוּטָה אִין עִנְיָנִים פְּשׁוּטִים דַּוְקָא.

און אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ״ר הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי פְּשִׁיטוּת פוּן אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים פַארְבִּינְדט זִיךְ מִיט פְּשִׁיטוּת הָעַצְמוּת[ז], אַזוֹי אוֹיךְ דָא: דִי פְּשִׁיטוּת פוּן עֲבוֹדָה אִין עִנְיָנִים פְּשׁוּטִים, פַארְבִּינְדט זִיךְ מִיט פְּשִׁיטוּת הָעַצְמוּת.

און דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן קַבָּלַת עֹל, ווָאס צוּלִיבּ דֶעם ווֶערְן אָנְגֶערוּפְן אִידְן בְּשֵׁם צִבְאוֹת הֲוָיָ'[ח] - דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס אַרְמֵייעֶן - ווָארוּם דֶער עִנְיָן פוּן אַ זֶעלְנֶער אִיז קַבָּלַת עֹל.

---

6. See *Devarim Rabbah* 1:6; *Likkutei Torah, Devarim,* p. 28d.

7. *Torah Or,* p. 11b, 18b.

8. *Sefer HaMaamarim 5709,* p. 205. *Kesser Shem Tov, hosafos,* sec. 155ff.

9. *Shmos* 12:41. See the series of *maamarim* entitled *Basi LeGani, 5710,* sec. 10ff.

The above enables us to understand **the meaning** of the verse, "**Yaakov dwelled in the land of his father's sojourning, in the land of Canaan.**" For a person's Divine service **to reach "his Father" – that it be solely for the sake of his Father in heaven – it must specifically involve matters that are in "the land of** his father's **sojourning,**" i.e., **simple Divine service** with earthly matters, **without intellectual sophistry or clever reasoning. Then, all ulterior motives fall away, and one** truly **connects with his Father.**

אוּן דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו, אַז בִּכְדֵי צוּקוּמֶען צוּם "אָבִיו", אַז זַיְין גַאנְצֶע עֲבוֹדָה זָאל זַיְין נָאר פַאר אָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִיז דָאס דוּרְךְ אֶרֶץ מְגוּרֵי דַוְקָא, דוּרְךְ עֲבוֹדָה פְּשׁוּטָה, אָן חָכְמוֹת אוּן אָן פְּשָׁט'לֶעךְ, וָואס דֶעמָאלְט פַארְלִירְן זִיךְ אַלֶע פְּנִיּוֹת אוּן מֶען פַארְבִּינְדט זִיךְ מִיט אָבִיו.

## Struggle, but with a Happy Heart

**3. This is the directive taught by Yaakov's conduct. Yaakov involved himself in *avodas habirurim,* the task of refining** the world's material substance. For this reason, **he journeyed to Charan and shepherded Lavan's sheep, working strenuously. Not only** did he work **arduously,** he **also endured physical hardship,** as he himself testified,[10] "**By day the heat consumed me, and the frost at night; sleep fled from my eyes.**"

ג. אוּן דָאס אִיז דִי אָנְוַוייְזוּנְג פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ. יַעֲקֹב הָאט גֶעטָאן אִין עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קֵיין חָרָן אוּן גֶעאַרְבֶּעט בְּצֹאן לָבָן, אוּן גָאר שְׁטַארְק גֶעהָארֶעוֶועט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט, בַּיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב וְקֶרַח בַּלָּיְלָה וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי[ט], אוּן אוֹיסֶער הָארֶעוַואנְיֶע אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם אוֹיךְ צַעַר פוּן גוּף.

**The Alter Rebbe**[11] uses Yaakov's conduct **as proof** for a law regarding how much suffering one may endure to earn his livelihood. **A person does not have authority over his own body;** he may not **strike himself or afflict himself, because his body belongs to G-d and not to him. Nevertheless, out of necessity, he may do so to earn his livelihood.** In other words, like Yaakov, a person may endure hardship to provide for himself and his family. **In spiritual terms,** this means engaging in **the task of refinement.**

וָואס פוּן דֶעם בְּרֶענְגְט דֶער אַלְטֶער רֶבִּי' אַ רְאָיָה, אַז כָּאטשׁ אַ מֶענְטשׁ הָאט נִיט קֵיין שׁוּם רֶעכְט אִיבֶּער זַיְין אֵייגֶענֶעם קֶערְפֶּער, צוּ שְׁלָאגְן אוּן פַּיְינִיקְן אִים, וַויְיל דֶער קֶערְפֶּער גֶעהֶערְט נִיט צוּ אִים נָאר צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן "לְצוֹרֶךְ" (דָאס הֵייסְט צוּלִיבּ גֶעלְט, וָואס אִין רוּחְנִיּוּת אִיז דָאס דֶער עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים) - מֶעג מֶען.

**Yaakov could have claimed: "Why must I go to Charan?" True, he and Esav could not** live **together.**

כָּאטשׁ יַעֲקֹב הָאט גֶעקֶענְט טַעֲנֶה'ן: נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ גֵיין אִין חָרָן? אֱמֶת טַאקֶע אַז יַעֲקֹב מִיט עֵשָׂו'ן קֶענֶען נִיט זַיְין צוּזַאמֶען,

---

10. *Bereishis* 31:40.

11. The Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Choshen Mishpat, Hilchos Nizkei Guf VeNefesh,* subsection 4, *Kuntreis Acharon,* note 2.

However, for that reason, Esav could have been sent from Beer Sheva to Charan, and Yaakov could have remained in Beer Sheva or in the study hall of Shem and Ever.

אָבֶער מִצַּד דֶעם הָאט מֶען דָאךְ עֵשָׂו׳ן גֶעקֶענְט אַוועֶקְשִׁיקְן פוּן בְּאֵר שֶׁבַע קֵיין חָרָן און יַעֲקֹב זָאל בְּלַייְבְּן אִין בְּאֵר שֶׁבַע בְּבֵית מִדְרָשׁוֹ שֶׁל שֵׁם וְעֵבֶר?

Nevertheless, Yaakov did not ask any questions. He accepted the task of refinement with *kabbalas ol*. Moreover, although he carried out this task with *kabbalas ol,* he did so with energy and joy,[12] as reflected in our Sages' commentary on the verse,[13] "Yaakov lifted his legs."

אָבֶער יַעֲקֹב הָאט קֵיין קַשְׁיוֹת נִיט גֶעפְרֶעגְט, און גֶעגַאנְגֶען טָאן זַיְין עֲבוֹדָה אִין עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים בְּדֶרֶךְ קַבָּלַת עֹל, און הֲגַם עֶר הָאט עֶס גֶעטָאן מִיט קַבָּלַת עֹל, הָאט עֶר דָאס גֶעטָאן מִיט אַ חַיּוּת און שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו[יא].

Through this approach, not only did his involvement not lead to a descent, but on the contrary, as our Sages[14] commented, "his bed was complete"; all of his children were righteous. He took them and all of the possessions he gathered there with him in his ascent to holiness.[15]

און דוּרְךְ דֶעם, אִיז נִיט נָאר וָואס בַּיי אִים אִיז נִיט גֶעוועֶן קֵיין יְרִידָה נָאר אַדְּרַבָּה, מִטָּתוֹ שְׁלֵימָה, מִיט אַלֶע עִנְיָנִים וָואס עֶר הָאט פוּן דָארְטְן מִיטְגֶענוּמֶען[יב].

This is the implication of the phrase "in the land of Canaan." As noted, Canaan refers to commerce. Through his efforts, Yaakov profited; he elevated all the sparks of holiness that had been invested with Lavan and with Esav. His achievements continued to the extent that by drawing down an encompassing light to Esav, he motivated Esav to kiss him with whole-hearted affection.[16]

און דָאס מֵיינְט בְּאֶרֶץ כְּנָעַן, מִלָּשׁוֹן מִסְחָר, אַז עֶר הָאט פוּן דֶעם פַּארְדִינְט, וָוארוּם עֶר הָאט מְבָרֵר גֶעוועֶן אַלֶע נִיצוֹצוֹת בַּיי לָבָן׳עֶן און אוֹיךְ בַּיי עֵשָׂו׳ן, בִּיז אַז דוּרְךְ הַמְשָׁכַת הַמַּקִּיף וָואס עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוועֶן אוֹיף עֵשָׂו׳ן הָאט עֶר גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט אַז "וַיִּשָּׁקֵהוּ" - עֶר הָאט אִים גֶעקוּשְׁט[יג] - מִיטְן גַאנְצְן הַארְצְן.

He also achieved success in "the land of Canaan" – in a material sense, he achieved commercial success. He became exceedingly wealthy, far more than beforehand.

און אוֹיךְ מֵיינְט כְּנַעַן - מִסְחָר בְּגַשְׁמִיּוּת, אַז עֶר אִיז רַייךְ גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרוֹיסֶער עֲשִׁירוּת, אַ סַך מֶערֶער וִוי פְּרִיעֶר.

## The Culmination of the Journey

4. This is the lesson for every Jew: By emulating "Yaakov dwell[ing] in the land of his father's sojourning," he reaches "the land of Canaan," i.e., he makes profitable transactions, as the verse

ד. און דָאס אִיז אַן אָנְוַוייזוּנְג צוּ יֶעדֶער אִידְן, אַז דוּרְךְ דֶעם וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו, אִיז - בְּאֶרֶץ כְּנָעַן. יֵשׁ

12. I.e., it is not that he resigned himself to following G-d's will even though he did not desire to do so. Instead, he saw in this mission a source of joy and fulfillment.

13. *Bereishis* 29:1. See the comments of *Bereishis Rabbah* and *Rashi* on the verse.

14. *Vayikra Rabbah* 36:5.

15. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 63-64.

16. *Bereishis* 33:4; *Bereishis Rabbah* 78:9. See *Torah Or,* p. 26a.

states, **"There is one who expends [wealth] and gains more." By spending and descending, he earns his spiritual livelihood and also his material livelihood.**

This leads to the ultimate destination – as Yaakov told Esav: **"until I come to my lord, in Seir."**[17] **By** carrying out **the task of refinement with *kabbalas ol* and vitality – which involves the innermost reaches of the soul – a Jew brings about the coming of his personal *Mashiach,*** i.e., an individual state of redemption.[18] **This is also a preparation for the coming of *Mashiach*** for the Jewish people **as a whole,** when **"saviors will ascend the mount of Zion to judge the mount of Esav."**[19]

מְפַזֵּר וְנוֹסָף עוֹד. דוּרְכְן פִּזּוּר וִירִידָה, פַאַרְדִינְט עֶר זַיְין פַּרְנָסָה אִין רוּחְנִיּוּת, אוּן זַיְין פַּרְנָסָה אִין גַשְׁמִיּוּת.

בִּיז מֶען פּוֹעֶלְ'ט דֶערְנָאךְ - עַד אֲשֶׁר אָבוֹא אֶל אֲדוֹנִי שֵׂעִירָה[יד]. ווָארוּם עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים בְּדֶרֶךְ קַבָּלַת עֹל וְחַיּוּת, ווָאס דֶערְלַאנְגֶעט אִין פְּנִימִיּוּת הַנֶּפֶשׁ, פּוֹעֶלְ'ט בִּיאַת מָשִׁיחַ הַפְּרָטִי בַּיי זִיךְ[טו], ווָאס דָאס אִיז אוֹיךְ אַ הֲכָנָה צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ הַכְּלָלִי, דֶער וְעָלוּ מוֹשִׁיעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפּוֹט אֶת הַר עֵשָׂו[טז].

(משיחת ש"פ וישב, כ׳ כסלו, תשטו"ב)

---

17. ***Bereishis* 33:14; note *Rashi's* commentary.**

18. **See** *Tanya,* ***Iggeres HaKodesh,* Epistle 4,** which states that the revelation of the innermost part of one's soul brings about a personal "coming of *Mashiach,*" i.e., a spiritual experience of redemption. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 38, p. 225, *et al.*

19. ***Ovadiah* 1:21.**

---

א) אור תורה פרשת וישב.
ב) משלי י, ה.
ג) זכרי׳ יד, כא.
ד) משלי יא, כד.
ה) זע דברים רבה פ"א, ו. לקוטי תורה ראה כח, ד.
ו) תורה אור יא, ב. יח, ב.
ז) ספר המאמרים תש"ט ע׳ 205.
ח) שמות יב, מא. זע המשך באתי לגני, השי"ת, אות י׳ און ווייטער.
ט) בראשית לא, מ.
י) שולחן ערוך אדמו"ר הזקן חושן משפט הלכות נזקי גוף סעיף ד, ובקונטרס אחרון סק"ב.
יא) בראשית כט, א. זע בראשית רבה שם ובפירוש רש"י.
יב) זע לקו"ש ח"א עמוד 36-46.
יג) בראשית לג, ד. בראשית רבה עח, ט. זע תורה אור פרשת וישלח כו, א.
יד) בראשית לג, יד ושם בפירוש רש"י.
טו) זע אגרת הקדש סימן ד.
טז) עובדי׳ כא.

# VAYEISHEV II | וישב ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Yud-Tes* Kislev, 5718 (1957) relates

## Introduction

*Parshas Vayeishev* describes two characters – Yosef and Potifar's wife – whose spiritual makeup differed immensely. The Rebbe presents a lesson in our Divine service to be derived from each one.

Yosef's appearance and conduct – that he was "of pleasant form and of attractive appearance" and would curl his hair – teaches a fundamental principle of outreach. Yosef's life was not self-contained; transforming others was an essential element of his personal mission. But to make a good impression, he had to look attractive.

Herein lies a lesson for us: Before we can transform others, we must work on ourselves. The demand to reach out to others is urgent and cannot be postponed, but neither can the work of self-refinement, for our failure to work on ourselves is not merely a personal matter; it undermines our ability to influence others.

The story of Potifar's wife presents a mystical paradox. Our Sages teach that she was motivated by a holy intent, and yet her conduct was the very opposite of holiness. Since she was internally debased, her actions on the physical plane altered the expression of that inner impulse and were manifest as the diametric opposite. Because she was an unfit conduit, the positive spiritual intent was expressed in an unrecognizable manner.

The principle extends far beyond this one episode: When holy intent flows through an improper medium, it becomes warped and distorted. Yet if we can perceive the inner truth – that "bad does not descend from Above" – we can decipher the code and reveal the positive intent concealed within the seemingly undesirable situation with which we are challenged.

# The Mystique of Challenge

## One Story/Two Messages

**1.** ***Parshas Vayeishev*** **describes Yosef, the** ***tzadik*** **– as being "of pleasant form and attractive appearance,"[1] and relates that he would "curl his hair."[2] Because of this, "the wife of his master lifted her eyes** toward Yosef…"[3] Eventually – after her advances toward him were rejected – this led to **his imprisonment.** Yet, **even while** in prison, **"G-d caused his actions to prosper."[4]**

**There are two aspects to the story: a) in relation to Yosef, that he was "of pleasant form and of attractive appearance," and b) in relation to Potifar's wife,** that she sought a relationship with Yosef.

**Both aspects, like all matters of the Torah,** offer **us eternal lessons regarding how to conduct our day-to-day lives.**

א. אִין פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב דֶערְצֵיילְט דִי תּוֹרָה וֶועגְן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען יְפֵה תֹאַר וִיפֵה מַרְאֶה, און הָאט מְסַלְסֵל גֶעוֶוען בִּשְׂעָרוֹ”[ז], וּמִצַּד דֶעם אִיז וַתִּשָּׂא אֵשֶׁת אֲדוֹנָיו גו׳, און מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה, און אוֹיךְ זַייעֶנְדִיק דָארְטְן, אִיז - אֲשֶׁר הוּא עוֹשֶׂה ה׳ מַצְלִיחַ.

אִין דֶעם סִיפּוּר זַיינֶען פַּארַאן צְוֵויי טֵיילְן: א) בְּנוֹגֵעַ יוֹסֵף׳ן, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען יְפֵה תֹאַר וִיפֵה מַרְאֶה, און ב) בְּנוֹגֵעַ אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר. בֵּיידֶע טֵיילְן זַיינֶען, אַזוֹי ווִי אַלֶע עִנְיָנִים פוּן תּוֹרָה, אֵייבִּיקֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען פַאר אוּנְזֶער פִירוּנְג אִין טָאג־טֶעגְלֶעכְן לֶעבְּן.

## Outward Depends on Inward

**2.** Rachel named her son **Yosef** because of her prayer, *Yosef Havayah li ben acher,* **"May G-d add to me another son (*ben acher*)."[5]** The ***Tzemach Tzedek*[6] offers** a nonliteral **interpretation** of that phrase, explaining **that Yosef's Divine service involved making one who is** ***acher,*** **"estranged"** from his Father in heaven, **a** ***ben,*** **a "son." In other words,** his Divine service involved **making** ***baalei teshuvah,*** **"penitents."**

**Yosef derived the power for this** service **from being "of pleasant form and attractive appearance,"**

ב. אוֹיף יוֹסֵף׳ן שְׁטֵייט: יוֹסֵף הֲוָיָ׳ לִי בֵּן אַחֵר. טַייטְשְׁט כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ”ר הַצֶּמַח צֶדֶק”[ח], אַז יוֹסֵף׳ס עֲבוֹדָה אִיז בַּאשְׁטַאנֶען צוּ מַאכְן אַן ”אַחֵר” (אַ פְרֶעמְדְן) פַאר אַ ”בֵּן”. דָאס הֵייסְט מַאכְן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה.

דֶעם כֹּחַ אוֹיף דֶעם הָאט יוֹסֵף גֶעהַאט, ווַייל עֶר אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען יְפֵה תֹאַר וִיפֵה מַרְאֶה, יוֹסֵף אַלֵיין אִיז

1. *Bereishis* 39:6.

2. *Rashi* on the verse; *Zohar,* Vol. I, p. 189b.

3. *Bereishis* 39:7.

4. Ibid., 39:23.

5. Ibid., 30:24.

6. *Or HaTorah, Bereishis,* Vol. 1, p. 220a.

meaning also that **Yosef was attractive in every** spiritual **aspect. As explained in many sources,**[7] **"form" refers to the positive commandments and "appearance" to the negative commandments. Because** Yosef possessed perfection in both, **he had the power to affect others – to transform one who is estranged into a "son."**

**This** understanding of Yosef's conduct **constitutes a lesson for every person: It is demanded from every Jew, not only to work on himself, but** to reach out **to others. To affect others, he must remember** – and apply – **the principle,**[8] **"Make yourself attractive, and then make others attractive." One must first be "of pleasant form and of attractive appearance" oneself,** and then, **he can influence someone else.**

**The intent is not that one should delay reaching out to another Jew until he has reached a level of complete perfection himself. That is certainly not true. Regardless of** one's **own situation, he must extend himself to others.** Making such efforts is something that **cannot be postponed.**

**However,** a person **must always remember that it is necessary to work on himself, correcting his own faults.** Moreover, **correcting his own faults is vital not only for the person himself, but also for those** to whom he reaches out.

**If he has faults and does not work to correct them,** when he tries to influence another person, **that other person will notice this. As a result, he will not be able to have the effect he** could **have had on the other.**

**It is crucial to recognize the immense responsibility one has to correct his faults. If**

גֶעווען שֵׁיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים, סַיי אִין מִצְוֹת עֲשֵׂה סַיי אִין מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה (ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְקְלֶערט אִין פִילֶע עֶרְטֶער[ט] אַז תֹּאַר אִיז דֶער עִנְיָן פוּן מִצְווֹת עֲשֵׂה אוּן מַרְאֶה - מִצְווֹת לֹא תַעֲשֶׂה), דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעקֶענְט פּוֹעֵל'ן אוֹיף אוֹיף אַנְדֶערֶע, מַאכְן פוּן "אַחֵר" - "בֵּן".

אוּן דָאס אִיז אַ הוֹרָאָה צוּ יֶעדֶער אֵיינֶעם, ווָאס בַּיי יֶעדֶער אֵיינֶעם מָאנְט מֶען דָאךְ, עֶר זָאל טָאן נִיט נָאר מִיט זִיךְ נָאר אוֹיךְ מִיט יֶענֶעם, אִיז בִּכְדֵי צוּ אוֹיפְטָאן מִיט יֶענֶעם, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלַל, קְשׁוֹט עַצְמְךָ וְאַחַר כַּךְ קְשׁוֹט אֲחֵרִים[כ]. מֶען דַארְף אַלֵיין זַיְין "יְפֵה תֹאַר וִיפֵה מַרְאֶה", ווֶעט מֶען קֶענֶען פּוֹעֵל'ן אוֹיךְ אוֹיפְן צְווֵייטְן.

מֶען מֵיינְט נִיט צוּ זָאגְן, אַז מֶען זָאל ווַארְטְן מִיט פַארְנֶעמֶען זִיךְ מִיט אַ צְווֵייטְן אִידְן בִּיז מֶען ווֶעט צוּקוּמֶען אַלֵיין צוּ תַּכְלִית הַשְּׁלֵימוּת - דָאס אִיז זִיכֶער נִיט אַזוֹי. נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם אֵייגֶענֶעם מַצָּב מוּז מֶען טָאן אוֹיךְ מִיט יֶענֶעם, אוּן מֶען טָאר נִיט אָפְּלֵייגְן.

אָבֶער פוּן דֶער צְווֵייטֶער זַיְיט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז מֶען מוּז טָאן מִיט זִיךְ, פַארִרִיכְטְן דִי אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת אוּן דָאס - דֶער פַארִרִיכְטְן דִי אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת - אִיז נוֹגֵעַ נִיט נָאר צוּ זִיךְ אַלֵיין נָאר אוֹיךְ צוּ יֶענֶעם.

ווָארוּם בְּשַׁעַת מֶען הָאט אַלֵיין חֶסְרוֹנוֹת, ווָאס מֶען טוּט נִיט אִין פַארִרִיכְטְן זֵיי, פִילְט דָאס דֶער צְווֵייטֶער, אוּן בְּמֵילָא קֶען מֶען נִיט אוֹיפְטָאן אִין דֶעם צְווֵייטְן, דָאס ווָאס מֶען דַארְף אִין אִים אוֹיפְטָאן.

דַארְף מֶען ווִיסְן דִי גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת ווָאס מֶען הָאט בְּנוֹגֵעַ צוּ פַארִרִיכְטְן דִי

7. **See the** ***maamar*** **entitled** ***Vayehi Oman,*** **5627** (*Sefer HaMaamarim 5627,* p. 188ff).

8. ***Bava Metzia*** **107b.**

**he fails to do so, not only does he harm himself, but he also harms others. It is necessary to invest much effort** in self-improvement – **to become "of pleasant form and attractive appearance," because this affects not only** one's self, **but** also **many people.**

אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת, וָוארוּם אוֹיב מֶען טוּט נִיט אִין דֶעם, שָׁאדֶענְט מֶען נִיט נָאר זִיךְ אַלֵיין נָאר אוֹיךְ אַנְדֶערֶע.

מֶען דַארְף לֵייגְן גָאר גְרוֹיס הִשְׁתַּדְלוּת אוֹיף צוּ זַיְין אַלֵיין יְפֵה תֹאַר וִיפֵה מַרְאֶה, וָוארוּם דָאס הַאנְדְלְט זִיךְ נִיט וֶועגְן אַ יָחִיד נָאר וֶועגְן אַ רַבִּים.

## Looking Behind the Mask

**3. The lesson to derive from the actions of Potifar's wife:**

ג. דִי הוֹרָאָה פוּן דֶער מַעֲשֶׂה מִיט אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר אִיז:

**Our Sages[9] teach us that Potifar's wife acted "for the sake of Heaven."** Using esoteric knowledge, **she saw that her descendants would stem from Yosef** and thus desired to bear his children. **However, she erred in that they would not come from her, but from her daughter.**

רַזַ"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז[כא], אַז אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר לְשֵׁם שָׁמַיִם נִתְכַּוְּנָה. זִי הָאט גֶעזֶען אַז פוּן אִיר וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען קִינְדֶער צוּ יוֹסֵף'ן, נָאר זִי הָאט אַ טָעוּת גֶעהַאט; דָאס אִיז גֶעוֶוען נִיט פוּן אִיר נָאר פוּן אִיר טָאכְטֶער.

**From this, we see** something uniquely paradoxical: **The outward appearance of an act may be the direct opposite of holiness; however, inwardly, its purpose is for the sake of Heaven – to advance and enhance** the realm of **holiness.**

זֶעט מֶען דֶערְפוּן, אַז עֶס קֶען זַיְין אַן עִנְיָן וָואס אִין חִיצוֹנִיּוּת אוּן בְּפוֹעַל אִיז דָאס אִינְגַאנְצְן אַ הֵיפֶךְ פוּן קְדוּשָּׁה, אָבֶּער אִין פְּנִימִיּוּת אִיז זַיְין כַּוָּנָה גָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוֹיף מוֹסִיף זַיְין אוּן אוֹיפְטָאן אִין קְדוּשָּׁה.

**In** *Tanya,*[10] **the Alter Rebbe states that** if, **while a Jew is praying, a non-Jew comes and** tries to **disturb him, that should not weaken** the Jew's focus on his prayers. **On the contrary, the** encounter **should arouse him to strengthen himself** and **intensify** his **concentration,** motivating him **to pray from the depths of his heart.**

דֶער אַלְטֶער רֶבִּי רֶעדט אִין תַּנְיָא[כב], אַז בְּשַׁעַת אַ אִיד שְׁטֵייט אוּן דַאוְונְט אוּן בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה קוּמְט צוּ אִים אַ גוֹי אוּן עֶר אִיז אִים מְבַלְבֵּל, דַארְף דָאס אִין אִים פּוֹעֵלְ'ן, אַז נִיט נָאר דָאס זָאל אִים נִיט אָפְּשְׁוַואכְן, נָאר אַדְּרַבָּה, דָאס גוּפָא זָאל אִין אִים מְעוֹרֵר זַיְין מֶער חִיזּוּק, אַז עֶר זָאל דַאוְונֶען מִיט מֶער כַּוָּנָה פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְצְן.

**On the surface, this is difficult to understand: If the** Divine **intent in** the interruption **is to arouse the Jew to pray with greater concentration, why** must it be **manifest in such a manner?** Why must a **non-Jew** come to **disturb his prayer,** seemingly **in defiance** of the Divine intent?

אִין פְּלוּג, אִיז דָאךְ נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, אוֹיב דִי כַּוָּנָה אִין דֶעם אִיז מְעוֹרֵר צוּ זַיְין דֶעם אִידְן עֶר זָאל דַאוְונֶען מִיט מֶער כַּוָּנָה, הַיְינְט פַארְוָואס קוּמְט עֶס עֶפֶּעס אִין אַזַא אוֹפֶן וָואס אַ גוֹי זָאל אִים שְׁטֶערְן פוּן דַאוְונֶען, וָואס דָאס אִיז דָאךְ אַ פַארְקֶערְטֶער עִנְיָן?

---

9. **See** ***Rashi, Bereishis*** **39:1,** based on *Bereishis Rabbah* 85:2.

10. *Tanya,* ***Iggeres HaKodesh,*** **Epistle 25.**

**The explanation** lies beneath the surface. **In his inner** depths, **at his source,** the non-Jew **knows and feels that he must add to holiness.** (This is true **because everything** that exists **is sourced in holiness.) However, since** this **non-Jew** is the conduit **through** which **this** intent is expressed **in this physical world,** the intent becomes warped. Since this **non-Jew is** expressing **the opposite of holiness,** the Divine intent **is conveyed in a contradictory manner. Nevertheless, the inner intent** – not only of G-d but of the non-Jew himself – **is to assist** the Jew **and add to the holiness** of the world.

This concept is reflected in a teaching of the **Maggid of Mezritch**[11] regarding **Lavan's pursuit of Yaakov: The entire event occurred because there were letters in the Torah that were in need of being written. For this reason, Lavan pursued Yaakov, and as a result, the story was transcribed, adding a passage** containing these letters **to the Torah.** Lavan was not aware of this inner intent and acted for his own reasons. However, through his actions, the G-dly intent was revealed.

**This is a lesson regarding all** the circumstances that **conceal and veil** G-dliness, hindering our **Divine service: In truth, when looking at the inner dimension and source of the matter, not only does it not oppose holiness; on the contrary, it assists it. However, since** the matter is expressed **through a conduit of** an unholy nature, **it appears to have the opposite** intent. **Nevertheless,** its **inner** truth **is** that **it** exists to **assist and increase holiness.**

**When a Jew does not** allow **himself** to be **fooled and does not err in the manner the non-Jew does, but instead knows** the truth **that "bad does not descend from Above,"**[12] **the concealment and**

נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז, אַז דֶער גוֹי אַלֵיין אִין זַיְין פְּנִימִיּוּת אוּן שֹׁרֶשׁ (וָואס דֶער שֹׁרֶשׁ פוּן יֶעדֶער זַאךְ אִיז דָאךְ אִין קְדוּשָּׁה) ווֵייס אוּן פִילְט אַז עֶר דַארְף עֶפֶּעס מוֹסִיף זַיְין אִין קְדוּשָּׁה, נָאר אַזוֹי ווִי דָאס גֵייט דוּרְךְ דוּרְךְ דֶער פַארְמִיטְלוּנְג פוּן אַ גוֹי דָא לְמַטָּה, וָואס עֶר אִיז דָאךְ הֵיפֶּךְ הַקְּדוּשָּׁה, דֶערְפַאר דְרִיקְט זִיךְ דָאס אוֹיס אִין אַ פַארְקֶערְטְן אוֹפֶן. אָבֶּער דִי כַּוָּונָה פְּנִימִית אִיז אוֹיף צוּ הֶעלְפְן אוּן מוֹסִיף זַיְין אִין קְדוּשָּׁה.

אַזוֹי ווִי דֶער מֶעזְרִיטשֶׁער מַגִּיד נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן זָאגְט, אַז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן, וָואס לָבָן אִיז נָאכְגֶעלָאפְן נָאךְ יַעֲקֹב'ן אִיז גֶעווֶען, ווַיְיל עֶס הָאבְּן גֶעדַארְפְט צוּקוּמֶען נָאךְ אוֹתִיּוֹת אִין תּוֹרָה, דֶערְפַאר אִיז לָבָן נָאכְגֶעלָאפְן נָאךְ יַעֲקֹב'ן, וָואס דֶער סִיפּוּר אִיז אַרַיְינְגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין תּוֹרָה, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ פַּרְשָׁה אִין תּוֹרָה.

אוּן דָאס אִיז אַ הוֹרָאָה בְּנוֹגֵעַ צוּ אַלֶע הַעְלָמוֹת אוּן הֶסְתֵּרִים אוֹיף עֲבוֹדַת הֲוָיָ', וָואס דֶער אֱמֶת אִיז ווִי דֶער עִנְיָן שְׁטֵייט בִּפְנִימִיּוּתוֹ וּבְשָׁרְשׁוֹ, אַז נִיט נָאר וָואס עֶר אִיז נִיט קֵיין מְנַגֵּד אוֹיף קְדוּשָּׁה, נָאר אַדְּרַבָּה עֶר הֶעלְפְט גָאר צוּ קְדוּשָּׁה, נָאר ווִיבַּאלְד דָאס גֵייט דוּרְךְ דוּרְךְ אַזַא צִנּוֹר, דֶערְפַאר טַיְיטשְׁט זִיךְ דָאס אוֹיס אִין אַ פֵּירוּשׁ הָפְכִּי. אָבֶּער אִין פְּנִימִיּוּת אִיז דָאס אַ הִילְף אוּן אַ הוֹסָפָה אִין קְדוּשָּׁה.

אוּן בְּשַׁעַת דֶער מֶענְטשׁ ווֶעט זִיךְ נִיט נַארְן אוּן נִיט הָאבְּן דֶעם טָעוּת וָואס דֶער גוֹי הָאט, נָאר עֶר ווֶעט ווִיסְן אַז אֵין רַע יוֹרֵד מִלְמַעְלָה[כג] עֶס אִיז גָאר נִיטָא

11. *Maggid Devarav L'Yaakov, hosafos,* sec. 5.

12. ***Bereishis Rabbah*** 51:3.

**the veils do not affect him.** He realizes that **everything he sees exists to advance holiness. Consequently, not only should** what appears as **concealment not weaken his** Divine service, **it should strengthen and intensify his** determination.

**When he identifies with this** understanding **and makes a firm and genuine resolve** to carry on his Divine service, **all concealment, veils, obstacles, and impediments fall away,** because **everything is nullified in the face of truth. Through his knowledge of the truth – that every entity possesses a spark of G-dliness and that everything exists to aid holiness – he affects the concealing entity: its inner spark is awakened and revealed. As it exists on this material plane, it expresses the true intent** for its being – that it **bring about an increase in holiness.**

קֵיין הֶעְלֵמוֹת וְהֶסְתֵּרִים און אַלֶע עִנְיָנִים וָואס עֶר זֶעט זַיְינֶען אַ סִיּוּעַ אִין קְדוּשָּׁה, וּבְמֵילָא אִיז נִיט נָאר וָואס דֶער הֶעְלֵם דַארְף אִין אִים נִיט פּוֹעֶל'ן קֵיין שְׁוואַכְקַיְיט, נָאר אַדְּרַבָּה, דָאס דַארְף נָאךְ אִין אִים פּוֹעֶל'ן אַ תּוֹסֶפֶת כֹּחַ וְחִיזּוּק,

בְּשַׁעַת עֶר וֶועט דָאס דֶערְפִילְן און אָפְּמַאכְן בַּיי זִיךְ אַ פֶעסְטְן בַּאשְׁלוּס מִיט אַן אֱמֶת, - אִיז פַארְן אֱמֶת וֶוערְן אַלֶע בָּטֵל, עֶס וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע הֶעְלֵמוֹת וְהֶסְתֵּרִים, מְנִיעוֹת וְעִיכּוּבִים, וָוארוּם דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר ווייס דֶעם אֱמֶת אַז אִין יֶעדֶער זַאךְ אִיז דָא אַ נִיצוֹץ אֱלֹקִי און אַלְץ אִיז אַ סִיּוּעַ צוּ קְדוּשָּׁה, דוּרְךְ דֶעם פּוֹעֶל'ט עֶר אוֹיךְ אִין דֶעם דָּבָר הַמַּעְלִים, אַז עֶס וֶוערְט אִין אִים דֶערְוֶועקְט און אַנְטְפְּלֶעקְט זַיְין נִיצוֹץ, וּבְמֵילָא אִיז אוֹיךְ דָא לְמַטָּה זֶעט זִיךְ אִין אִים אָפְּ דִי כַּוָּנָה הָאֲמִתִּית, אַז דָאס בְּרֶענְגְט אַ הוֹסָפָה אִין קְדוּשָּׁה.

## Empowering the Revelation of Truth

**4. This is the lesson from our Sages' teaching that the intent of Potifar's wife was for the sake of Heaven. When** we see the **concealment and veiling** of G-dliness, **there are two ways** to respond:

a) **To fight against the entity that conceals. In other words, we consider the entity as truly concealing and veiling, and we labor with all our energies to fight against it.**

b) **A more pleasant path is to realize that the inner** truth **of that entity is that it actually assists holiness. By adopting such an outlook, one arouses and reveals** the entity's inner truth. **It becomes manifest in a revealed manner as well that the** very **entity that** apparently **causes concealment increases the light of holiness.**

ד. און דָאס אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם מַאֲמַר רַזַ"ל אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר לְשֵׁם שָׁמַיִם נִתְכַּוְּנָה:

בְּשַׁעַת ס'אִיז דָא אַ הֶעְלֵם וְהֶסְתֵּר זַיְינֶען דָא צְווֵיי דְּרָכִים אִין דֶעם: אֵיין דֶּרֶךְ אִיז: מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶער זַאךְ וָואס אִיז מַעְלִים, דָאס הֵייסְט מֶען נֶעמְט דָאס טַאקֶע אָן פַאר אַן אֱמֶת'ן הֶעְלֵם וְהֶסְתֵּר, און מֶען הָארֶעוֶועט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אוֹיף מִלְחָמָה הָאבְּן אַנְטְקֶעגְן דֶעם. דִי צְווֵייטֶע וֶועג (וָואס זִי אִיז אַ גֶעשְׁמַאקֶערֶע) אִיז: מֶען ווייס אַז בִּפְנִימִיּוּת אִיז דָאס גָאר אַ סִיּוּעַ צוּ קְדוּשָּׁה, און בְּשַׁעַת מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק אִיז מֶען דָאס מְעוֹרֵר וּמְגַלֶּה, אַז דָאס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיךְ בְּגִילּוּי אַז דוּרְכְן דָּבָר הַמַּעְלִים גוּפָא קוּמְט צוּ אַ תּוֹסֶפֶת אוֹר אִין קְדוּשָּׁה.

(משיחת י"ט כסלו, תשח"י)

יז) רש"י על התורה בראשית לט. ו. זהר ח"א קפט, ב.
יח) אור התורה ויצא רכ, א.
יט) זע ד"ה ויהי אומן תרכ"ז.
כ) בבא מציעא קז, ב.
כא) זע רש"י בראשית לט, א.
כב) אגרת הקדש סימן כה.
כג) זע בראשית רבה פ' נא, ג.

# CHANUKAH I | חנוכה א

Adapted from a *sichah* delivered on the 3rd night of Chanukah 5717 (1956)

## Introduction

Most people are unaware of a fundamental fact about Chanukah: The miracle was halachically unnecessary. According to the letter of the law, the Jews could have kindled the *menorah* in the *Beis HaMikdash* with impure oil.[1] However, since they were rededicating the *menorah* and the *Beis HaMikdash* – taking the first step in creating an environment of holiness – they wanted to do so in a holy and pure manner, and G-d wrought a miracle to enable this.

The *sichah* that follows elaborates on this point, emphasizing its relevance to the future of the Jewish people. When educating our children, the first steps must be made with exemplary holiness. This initial foundation will empower them to remain on this path throughout their lives.

---

1. See the commentary of *P'nei Yehoshua* (*Shabbos* 21b) and *Rosh Yosef* (*Shabbos* 21a); and *Chacham Tzvi,* responsum 87.

# Pure Light – a Chanukah Message

## Starting without Shortcuts

**1. We find two** seemingly **contradictory points regarding Chanukah:**

a) **Our Rabbis**[1] **state that** the name **Chanukah (חֲנוּכָּה) derives from** the word ***chinuch*** **(חִינּוּךְ), "education."** That term also has the meaning "dedication," or "inauguration,"[2] **as in the terms *chanukas hamizbei'ach* ("the dedication of the altar") and *chanukas Beis HaMikdash* ("the dedication of the *Beis HaMikdash*").**

Chanukah **marked a beginning.** The Chashmonaim reinitiated **the service of G-d in the *Beis HaMikdash,*** dedicating the *Beis HaMikdash* **as a whole, the altar, and the *menorah* in particular.**

b) **The Chanukah miracle** began with the discovery of **a cruse of pure oil, sealed with the seal of the *Kohen Gadol.***[3] **True, according to law, it was permissible to kindle** the *menorah* **even with impure oil because** the restrictions against **ritual impurity are superseded – or lifted entirely – in the case of a communal** offering.[4] **Nevertheless, to demonstrate** how **dear the Jewish people** are to Him, **G-d wrought a miracle that would enable** the Jews **not only to fulfill the *mitzvah*** according to its minimal requirements, **but to do so with the utmost *hiddur,*** beautifully and meticulously, **without any leniencies, even leniencies that are valid according to the Torah Law.**[5]

**א. וועגן חֲנוּכָּה געפינען מיר צוויי קעגנגעזעצטע עִנְיָנִים:**

א) עס שטייט אין סְפָרִים[כד] אַז חֲנוּכָּה איז מִלָּשׁוֹן חִינּוּךְ. אַזוֹי איז אויך מוּבָן בִּפְשִׁטוּת בְּלָשׁוֹן חֲנוּכַּת הַמִּזְבֵּחַ וַחֲנוּכַּת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז דאס איז געווען אַן אָנְהוֹיבּ, מען האט אָנגעהויבּן טאן דעם אויבּערשטנס עֲבוֹדָה (אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּכְלָל און אין מִזְבֵּחַ וּמְנוֹרָה בִּפְרַט) פון דאס נַיי, - אַן עִנְיָן פון חִינּוּךְ.

ב) דער נֵס פון חֲנוּכָּה איז געווען אַז מען האט געפונען אַ פַּךְ שֶׁמֶן טָהוֹר חָתוּם בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל כֹּהֵן גָּדוֹל[כה]. כאטש עַל־פִּי דין האט מען געקענט מַדְלִיק זַיין אויך מיט שְׁמָנִים טְמֵאִים, וואָרום טוּמְאָה דְּחוּיָה אָדער הוּתְּרָה בְּצִבּוּר[כו], פונדעסטוועגן - בִּכְדֵי צו ווַייזן חִבָּתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל, האט דער אויבּערשטער בַּאווִיזן אַ נֵס, מען זאל קענען ניט נאר אָנְהוֹיבּן מְקַיֵּים זַיין די מִצְוָה, נאר מְקַיֵּים זַיין די מִצְוָה בְּתַכְלִית הַהִידּוּר, אָן קיינע הֶיתֵּרִים, אֲפִילוּ ניט קיין אויסגעהאַלטענע הֶיתֵּרִים - הֶיתֵּרִים עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

---

1. See *Maharsha, Shabbos* 21a.

2. The two meanings are interrelated: Like the education of a child, the dedication or inauguration of an entity sets the tone for the manner in which it will be used in the future.

3. *Shabbos* 21b.

4. *Pesachim* 80a.

5. Thus, the two contradictory elements mentioned at the outset are that, on the one hand, we are speaking about the very beginning of a process, the dedication of the *Beis HaMikdash* or a child's education. On the other hand, we are saying that this initial stage must be carried out in the most complete and perfect manner possible.

**We can see a** clear **lesson from this – that when speaking about a holy matter, at the very beginning,** at the dedication, or in an individual sense, **at the first step of** a child's **education,** everything **must be done in the most perfect and beautiful manner.**

זֶעט מֶען דֶערְפוּן דִי הוֹרָאָה, אַז בִּשְׁעַת עֶס רֶעדט זִיךְ וֶועגְן אַן עִנְיָן פוּן קְדוּשָׁה, דַארְף מֶען בַּאלְד אִין אָנְהוֹיבּ, אִין אָנְפַאנְגְס חִינּוּךְ, עֶס טָאן בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵימוּת וּבְתַכְלִית הַהִידּוּר.

## Beginnings Matter Most

2. **The same concept applies in particular regarding the education of** young **boys and girls. At the very outset, during their** earliest **childhood** years, **they must be given a complete** measure of ***Yiddishkeit,* without any compromises, without** seeking **any leniencies.**

ב. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בִּפְרַט אִיז בְּנוֹגֵעַ חִינּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת: בַּאלְד פוּן קִינְדְוַוייז אָן דַארְף מֶען זֵיי גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע אִידִישְׁקַיְיט, אָן קֵיינֶע פְּשָׁרוֹת אוּן אָן קֵיינֶע הֶיתֵּרִים.

**We cannot ensure that when the** "youth... be**comes older, he will not deviate from this** [path]"[6] **by relying** on guidance he will be given later. We cannot wait and give advice to **the child when he grows older and** goes out to encounter the broader world. He will be greatly challenged if early in his development **he** has not been **told** how to **battle** undesirable influences, that he needs to struggle **not to be affected by any obstacle or hindrance, and that he must show self-sacrifice. If we want the child to withstand the challenges** he will face **later, when he has** matured, **we must begin** training him to do so **while he is still young.**

בַּאוָוארֶענֶען אַז - גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה[כ], קָאן מֶען נִיט דוּרְךְ פַארְלָאזְן זִיךְ אַז בִּשְׁעַת עֶר וֶועט וֶוערְן עֶלְטֶער אוּן זַיְין אִין גַאס, וֶועט מֶען אִים דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְן אַז עֶר דַארְף הַאלְטְן מִלְחָמָה, דֶערְצֵיילְן אִים אַז עֶר דַארְף נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פַאר קֵיין מוֹנֵעַ וּמְעַכֵּב אוּן ווִי אַזוֹי עֶר דַארְף הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ. אוֹיבּ מֶען ווִיל אַז דֶעמָאלְט, כִּי יַזְקִין, זָאל עֶר בַּיְישְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת דַארְף מֶען אָנְהוֹיבְּן ווֶען עֶר אִיז נָאךְ אַ "נַעַר".

**For this reason, the sages of the Jewish people powerfully endeavored and invested immense energy in the education of young Jewish boys and girls,** ensuring **that** their training be based **on purity** and **holiness.**

דֶערְפַאר הָאבְּן דָאךְ חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל זִיךְ שְׁטַארְק מִשְׁתַּדֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעלֵייגְט גָאר גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת אוֹיפְן חִינּוּךְ פוּן בְּנֵי וּבְנוֹת יִשְׂרָאֵל אַז עֶר זָאל זַיְין עַל טַהֲרַת הַקֹּדֶשׁ.

**They would battle over every particular matter and detail. They fought** and were unwilling **to sacrifice even matters** of observance **that did not seem so important.** Their reasoning: **They knew that the developmental years of a boy's or a girl's education affect them throughout their entire**

מֶען הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן אוֹיף יֶעדֶער פְּרַט, אֲפִילוּ פְּרָטִים וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעווִיזְן נִיט אַזוֹינֶע ווִיכְטִיקֶע הָאט מֶען גֶעקֶעמְפְּט נִיט נָאכְצוּגֶעבְּן זֵיי, ווַיְיל מֶען הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דִי חִינּוּךְ־יָארְן זַיְינֶען נוֹגֵעַ דֶעם בָּחוּר אָדֶער דֶער מֵיידְל אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ

---

6. Cf. *Mishlei* 22:6.

**lives. They knew that they had to give these** youths the **strength and the weapons to enable them to fight all the battles that they would confront throughout the course of their lives.**

As reflected in the verse,[7] **"For man is a tree of the field" – a person is compared to a tree. When a gash is made in a tree that has already grown, the gash remains only in the place it was made. Besides that** place, **it does not harm** the tree. **However, if a scratch is made in a seed to be planted, it is likely that one scratch will cause the entire tree that grows from it to be impaired.**

לֶעבְּן, מֶען הָאט גֶעווּאוּסְט אַז מֶען דַארְף זֵיי מִיטְגֶעבְּן שְׁטַארְקַיְיט מִיט כְּלֵי זַיִן, זֵיי זָאלְן הָאבְּן מִיט וָואס צוּ אָפְּשְׁלָאגְן דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אוֹיף זֵייעֶר לֶעבְּנְס וֶועג.

אַ מֶענְטשׁ אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים. כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה[כח].

אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ קְרִיץ אִין בּוֹים בְּשַׁעַת עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעוַואקְסְן, אִיז דֶער קְרִיץ נָאר אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ מֶען מַאכְט אִים, אוּן אוֹיסֶער דֶעם, טוּט דָאס נִיט אָן קֵיין שָׁאדְן. אָבֶּער בְּשַׁעַת מֶען מַאכְט אַ קְרִיץ אִין דֶעם קֶערְנְדְל וָואס מֶען גֵייט אַיְינְפְּלַאנְצְן, אִיז רֶעכְט אַז פוּן אֵיין קְרִיץ, זָאל אוֹיסְוַואקְסְן דֶער גַאנְצֶער בּוֹים אַ פַארְקְרִיפְּלְטֶער.

## Adult Resilience/Youthful Vulnerability

**3. The same concept applies regarding education.** When **a person reaches middle age and has already traveled half his life's course,** if **it appears to him that he is forced to accept compromises, it will affect him for only several years. He has** already **lived 40 years without compromise. If he stumbles** spiritually **and makes a compromise for a year, he can draw strength from the previous 40 years that he has behind him to** reverse course **immediately,** reject **the compromise, and hold firm in a full-fledged** commitment to ***Yiddishkeit.***

**But, it is different when we speak about a younger generation. Seeking to educate them with** an approach that accepts **compromise takes the warmth and fervor of *Yiddishkeit* away from them for their whole lives. The damage to, and the resulting deficiency in, their souls while they are young could afterwards result in their growing up as a crippled Jew and** spiritually **deformed.**

ג. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין דֶעם עִנְיָן פוּן חִינוּךְ:

אַ מֶענְטשׁ אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען הֶעלְפְט וֶועג פוּן זַיְין וֶועלְט אוּן מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶעצְווּאוּנְגֶען צוּ גֵיין אוֹיף פְּשָׁרוֹת, רִירְט דָאס אִים אָן מֶער נִיט וִוי אוֹיף עֶטְלֶעכֶע יָאר. פֶערְצִיק יָאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אָן פְּשָׁרוֹת, אִיז אוֹיבּ עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל אוּן מַאכְט אַ פְּשָׁרָה אוֹיף אַ יָאר, קֶענֶען אִים גֶעבְּן כֹּחַ דִי פְּרִיעֶרְדִיקֶע פֶערְצִיק יָאר וָואס עֶר הָאט הִינְטֶער זִיךְ, עֶר זָאל בַּאלְד צוּרִיק פַארְגֶעסְן אוֹיף דֶער פְּשָׁרָה אוּן הַאלְטְן זִיךְ בַּיי שְׁלֵימוּת'דִיקֶער אִידִישְׁקַיְיט.

בְּשַׁעַת אָבֶּער עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ וֶועגְן אַ יוּנְגְן דוֹר, אוּן זֵיי וִויל מֶען דֶערְצִיעֶן אוֹיף פְּשָׁרוֹת, נֶעמְט מֶען בַּיי זֵיי צוּ דִי וַוארֶעמְקַיְיט אוּן קַנָּאוּת אִין אִידִישְׁקַיְיט אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן. אִיבֶּער דֶעם קְרִיץ מִיטְן חִסָּרוֹן וָואס מֶען מַאכְט אִין זֵייעֶר נְשָׁמָה אִין זֵייעֶר יוּגְנְט, אִיז רֶעכְט אַז דֶערְנָאךְ זָאל רַחֲמָנָא לִצְלַן אוֹיסְוַואקְסְן אַ פַארְקְרִיפְּלְטֶער אִיד, אַ בַּעַל מוּם.

7. *Devarim* 20:19. See *Taania* 7a.

## Raising Proactive Jewish Youth

**4. True,** a Jew's fundamental core always remains pure, as our Sages say,[8] **"Even though one has sinned, he [remains] a Jew." However, there are those about whom the Talmud states in Tractate *Sanhedrin,*[9] "It is bleak for you in this world."** This implies that while the person will receive punishment in this world, **he is fortunate that his** portion in **the World to Come is secured.**[10] But the World to Come is not our immediate concern; **we need a younger generation** of Jews **in this world, who are spiritually healthy Jews,** full of **spiritual vitality, and, as a result, full of health and vitality in a physical sense.** With such an approach, **they will be able to conquer this world, not only for themselves – that their portion** of this world **will be a sanctuary for G-d – but also for the Jews who are middle-aged and** even **older.**

ד. אֱמֶת טַאקֶע, אַף עַל־פִּי שֶׁחָטָא יִשְׂרָאֵל הוּא[כט], עֶס אִיז אָבֶּער פַאראַן אַזַא וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיף אִים בְּמַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין, עָכוּר אַתָּה בָּעוֹלָם הַזֶּה[ל], דֶער גְלִיק אִיז וָואס מֶען הָאט אִים בַּאוָוארְנְט מִיט עוֹלָם הַבָּא. מִיר דַארְפְן אָבֶּער הָאבְּן אַ יוּנְגְן דוֹר אִידְן בָּעוֹלָם הַזֶּה, זֵיי זָאלְן זַיְין גֶעזוּנְטֶע אִידְן, לֶעבֶּעדִיקֶע אִידְן בְּרוּחְנִיּוּת, וּמִמֵּילָא גֶעזוּנְטֶע אִידְן אוּן לֶעבֶּעדִיקֶע אִידְן בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן דֶערְמִיט וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אַייְנְנֶעמֶען דֶעם עוֹלָם־הַזֶּה נִיט נָאר פַאר זִיךְ, אַז זֵייעֶר חֵלֶק זָאל זַיְין אַ מִקְדָּשׁ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, נָאר אוֹיךְ פַאר דֶעם מִיטֶעלְן אוּן עֶלְטֶערְן דוֹר.

## How Weighty Small Things Can Be

**5. There are some details that, on the surface, appear not to be of pressing importance; they appear** as insignificant **as a hairsbreadth. However, this "hairsbreadth" could be the hairsbreadth from which** ultimately **the full power of the *yetzer hara* ("the evil inclination") stems,** as the Gemara states,[11] **"for the wicked, the *yetzer hara* will [initially] appear like a strand of hair."**

Think for a moment: **How is it possible for a Jew to become wicked? A Jew** inherently **desires to carry out G-d's will.**[12] **How then is it possible for him to do things so contrary to G-d's** will **that he would be called wicked?**

ה. עֶס זַיְינֶען פַאראַן אַזוֹינֶע פְּרָטִים וֶועלְכֶע וַוייְזְן זִיךְ אוֹיס אִין פְלוּג אַז זֵיי זַיְינֶען נִיט אַזוֹי פִיל נוֹגֵעַ, אוּן אַז דָאס אִיז מֶער נִיט וִוי אַ חוּט הַשַּׂעֲרָה,

אָבֶּער עֶס קָאן דָאךְ זַיְין אַז דָאס אִיז דֶער חוּט הַשַּׂעֲרָה אוֹיף וֶועלְכְן דִי גְמָרָא זָאגְט[לא], אַז דֶערְפוּן וַואקְסְט אוֹיס דֶער גַאנְצֶער יֵצֶר הָרָע, וָואס רְשָׁעִים נִדְמֶה לָהֶם כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה.

וִוי אַזוֹי קוּמְט דָאס אַז אַ אִיד זָאל וֶוערְן אַ רָשָׁע רַחֲמָנָא לִצְלַן? אַ אִיד ווִיל דָאךְ מְקַיֵּים זַיְין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן, הַיְינְט וִוי קוּמְט דָאס אַז עֶר זָאל טָאן זַאכְן וָואס זֵיי זַיְינֶען קֶעגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בִּיז צוּ וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן רָשָׁע?

---

8. ***Sanhedrin* 44a.**

9. **Ibid. 43b.**

10. See the interchange in *Yehoshua*, ch. 7:25, as explained in *Sanhedrin*, loc. cit.

11. ***Sukkah* 52a.** In that source, the Talmud explains that, ultimately, when the truth is revealed, the wicked will realize that the *yetzer hara* was really a small matter, a hair, and they should have been able to overcome it. However, , it also states that even at the outset, the *yetzer hara* appears like a thin strand;, its enticement is barely perceptible. Only afterwards does it become powerful.

12. See *Rambam, Hilchos Geirushin* 2:20.

**This comes about because** the *yetzer hara* **appears to the** wicked **as only a hairsbreadth. It seems to them that** the *yetzer hara's* suggestion **is something of minimal importance – and it may at times really be merely of minimal importance. Nevertheless, in a person's immediate situation, that small matter can tip his personal balance.** When being weighed on the scales of judgment, it is possible that **he will be** deemed **"righteous" and written down and sealed**[13] **for eternal life, or "wicked" and thus** condemned, **in the words of the verse,**[14] **to "eternal shame." And what** may tip the scales and **determine this?** The matter that appeared like **a hairsbreadth.**

**In the present age, when the truth is increasingly becoming clearer, if a person does not have enough strength or awareness to realize that this** particular **detail is the one on which his entire character depends,** he can recognize its importance **from** the power that **the opposing forces** marshal to raise a challenge. **We see that** the forces **opposing** genuine Judaism **stand strong; they are willing to sacrifice millions of dollars, many people, and forfeit support from all sides rather than give in on any small particular.**[15] **This has no basis in logic.** Seeing **this** should serve as **an indicator and a lesson for us** regarding the degree to which **we should refuse to compromise, even on those individual matters that** people **try to convince us are mere inconsequential particulars.**

**These are** like **"sandal straps" in the era of religious persecution.**[16] **They are "hairsbreadths" upon which it depends whether one will remain a Jew over the course of time.**

נָאר דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס נִדְמֶה לָהֶם כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה, עֶס דוּכְט זִיךְ אִים אוֹיס, אַז דָאס אִיז אַ קְלֵיינִיקַיְיט, אוּן אַמָאל קֶען פַּאסִירְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע אַ קְלֵיינִיקַיְיט, אָבֶּער אִין זַיְין מַעֲמָד וּמַצָּב אִין וָועלְכְן עֶר שְׁטֵייט, קֶען דִי קְלֵיינִיקַיְיט אִים מַכְרִיעַ זַיְין, אָדֶער עֶר זָאל זַיְין אַ צַדִּיק אוּן נִכְתָּב וְנֶחְתָּם וֶוערְן לְחַיֵּי עוֹלָם[לב], אָדֶער רַחֲמָנָא לִצְלַן אַ רָשָׁע וָואס אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק לְדִרְאוֹן עוֹלָם[לג], אוּן אִיבֶּער וָואס - אִיבֶּער דֶעם חוּט הַשַּׂעֲרָה.

אוֹיבּ עֶר הָאט נִיט בַּיי זִיךְ גֶענוּג שְׁטַארְקַיְיט אוּן גֶענוּג שֵׂכֶל אוֹיף קֶענֶען אוּנְטֶערְשֵׁיידְן צִי דָאס אִיז דֶער פְּרַט אִין וֶועלְכְן עֶס הֶענְגְט אָפּ זַיְין מַהוּת, אִיז אִין אִיצְטֶערְדִיקֶע צַיְיטְן וָואס דֶער אֱמֶת וֶוערְט אַלְץ מֶער נִתְבָּרֵר - אִיז דָא דִי הַבְחָנָה פוּן דֶעם צַד שֶׁכְּנֶגֶד:

בְּשַׁעַת מֶען זֶעט וִוי דֶער צַד שֶׁכְּנֶגֶד שְׁטֶעלְט זִיךְ מִיט אַזַא שְׁטַארְקַיְיט אַז ס'אִיז רֶעכְט פַארְלִירְן מִילְיָאנֶען מִיט גֶעלְט, פַארְלִירְן כַּמָּה וְכַמָּה מֶענְטשְׁן, אָנְצוּאוּוֶערְן שְׁטִיצֶע פוּן אַלֶע זַיְיטְן, אַבִּי נִיט נָאכְצוּגֶעבְּן אַ קְלֵיינֶעם פְּרַט, וָואס עֶס אִיז לְגַמְרֵי נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק אִין שֵׂכֶל, אִיז דָאס אַ הַבְחָנָה אוּן אַ הוֹרָאָה פַאר אוּנְז, אַז מֶען טָאר נִיט נָאכְגֶעבְּן אֲפִילוּ אָט דֶעם פְּרַט וָואס מֶען וִויל אוּנְז אַיְינְרֵיידְן אַז דָאס אִיז מֶער נִיט וִוי אַ קְלֵיינֶער פְּרַט, וַוייל דָאס אִיז עַרְקְתָא דִמְסָאנֵי[לד] בְּשַׁעַת גְּזֵרַת הַשְּׁמַד, אוּן דָאס אִיז דֶער חוּט הַשַּׂעֲרָה אִין וֶועלְכְן עֶס הֶענְגְט אָפּ צִי אִין פַארְלוֹיף פוּן דֶער צַיְיט וֶועט עֶר בְּלַיְיבְּן אַ אִיד.

---

13. ***Rosh HaShanah*** **16b.**

14. ***Daniel*** **12:2.**

15. From the recorded accounts of the Rebbe's talk, the details of what he was speaking about are unclear. However, the power of his words and the necessity to take action against those forces seeking assimilation of American Jewry are extremely clear. See the unedited version.

16. See ***Sanhedrin*** **74a-b**, which states that, in an era of religious persecution, if non-Jews are accustomed to wearing a particular type of sandal straps, and the Jews another, one should be willing to sacrifice his life rather than wear the sandal straps worn by the non-Jews. In other words, there are times when a matter is not, in and of itself, of great religious importance, however, it takes on such critical importance because of the external circumstances.

## The Verdict of Time

**6. Our Sages' statement,[17] "Whoever flatters another person" – according to a different version found in *Ein Yaakov*, "Whoever flatters a wicked person" – "will ultimately fall into his hand,"[18] further indicates how significant** making concessions regarding things that appear as minimal as a **hairsbreadth can be.** We see that **the entire troubling situation that has developed** in recent years began with making compromises and concessions regarding "minor matters."

**In the last years, we clearly see** the results of the efforts of **all those who tried years ago to attract the younger generation through compromises** in Jewish practice, **thinking that those already committed to observance would remain whole regardless. Not only did they lose the youth they tried to** attract through **compromises, but they also weakened the commitment of those under their influence who had** previously **been steadfast in their observance.**

**By contrast, those who ten, fifteen, or twenty years ago followed the approach of refusing to give in on the slightest detail – particularly with regard to education – were successful.**

ו. אַ וואַײטערדיקער באַווײַז אויף דעם ווי דער חוט השׂערה איז נוגע זעט מען דערפון וואָס די גאַנצע צרה צו וועלכער מען איז צוגעקומען האָט זיך אָנגעהויבן ווי די רז"ל זאָגן[יז], כּל המחניף לחבירו, אָדער ווי די צווייטע גירסא כל המחניף לרשע, - איין גירסא איז אין גמרא און איינע אין עין יעקב - לסוף נופל בידו.

מען האָט געזען אין די לעצטע יאָרן, אַז די אַלע וואָס זײַנען געגאַנגען מיט יאָרן צוריק אויף פּשרות און האָבן געמיינט אַז דורך דעם וועלן זיי אײַננעמען דעם יונגן דור (טראַכטנדיק אַז די וואָס מען האָט שוין אין פרומען צד וועלן זיי סיי־ווי בלײַבן גאַנץ), האָט מען געזען באַשײַנפּערלעך אַז ניט נאָר וואָס מען האָט פאַרלאָרן די יוגנט וואָס מען האָט זיי געוואָלט פירן אויפן וועג פון פּשרות, נאָר מ'האָט אַרײַנגעבראַכט אַ שוואַכקייט אויך אין די יוגנט וואָס זײַנען געווען אונטער זייער השפּעה און געהאַלטן זיך אינגאַנצן פרום.

די, אָבער, וואָס זײַנען געגאַנגען מיט צען, פופצן אָדער צוואַנציק יאָר צוריק מיט דער שיטה אַז מען טאָר ניט נאָכגעבן קיין פּרט ובפרט אין חינוך - די האָבן מצליח געווען.

## Staying the Course

**7. The involvement of all those engaged in kosher education with their bodies and souls, and all those who offer financial support, strengthens such** an approach to **education.** They may be **approached** by others who try to dissuade them, **saying, "Why are you stub-**

ז. אַ תּוספת כּח אין דעם חינוך הכּשר גיבן אַרײַן די אַלע וואָס זײַנען זיך מתעסק אין חינוך הכּשר בגופם ובנשמתם, און די אַלע וואָס העלפן אין דעם מיט זייער געלט.

כאָטש אַפילו מען קומט צוגיין צו

---

17. ***Sotah* 41b.**

18. I.e., the wicked person will be given a certain degree of authority and control.

אִים אוּן מֶען זָאגְט: הֶער זִיךְ אַיְין, וואָס הָאסְטוּ זִיךְ אַיְינְגֶעשְׁפַּארְט גֶעבְּן דִי גֶעלְט אִין אַ יְשִׁיבָה וואָס וֶועט אוֹיסְהָאדֶעוֶוען בַּטְלָנִים, אוֹיסְהָאדֶעוֶוען מֶענְטשְׁן וואָס הָאבְּן נִיט קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ הֲוָיוֹת עוֹלָם הַזֶּה, דֶער וֶועט גֵיין מִיט אַ בָּארְד, דֶער מִיט אַ קַאפָּאטֶע, אוּן דוּ וֶועסְט זַיְין דֶער גוֹרֵם אוֹיף אוֹיסְהָאדֶעוֶוען מֶענְטשְׁן וואָס בְּשַׁעַת זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין אִין דֶער וֶועלְט וֶועלְן זֵיי נִיט וִויסְן וִוי אַ קֶער טָאן זִיךְ.

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר אִין זִיךְ דִי שְׁטַארְקַיְיט אוֹיף נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן אוּן, אַדְּרַבָּה, פוּן דֶעם גוּפָא לֶערְנְט עֶר אָפּ אַ הוֹרָאָה, וִויבַּאלְד מֶען זֶעצְט זִיךְ אָן אוֹיף אִים אַזוֹיפִיל אוּן מֶען וִויל אִים אָפְּרַיְיסְן פוּן דֶעם, אִיז אַ הוֹכָחָה אַז דַוְקָא דָא לִיגְט דֶער אֱמֶת אוּן דַוְקָא דָא לִיגְט דִי הַצָּלָה פוּן עַם יִשְׂרָאֵל, וּבְמֵילָא אִיז נִיט נָאר וואָס עֶר פַארְקְלֶענֶערְט נִיט זַיְין אַרְבֶּעט פַאר חִינוּךְ הַכָּשֵׁר בְּנִשְׁמָתוֹ אָדֶער בְּגוּפוֹ אָדֶער בְּמָמוֹנוֹ, אָדֶער אִין אַלֶע דְרַיי, נָאר אַדְּרַבָּה, מִכַּאן וּלְהַבָּא טוּט עֶר נָאךְ מִיט אַ גְרֶעסֶערֶער שְׁטַארְקַיְיט.

דָאס גִיט אַ שְׁטַארְקַיְיט דֶעם יוּנְגְן דוֹר גוּפָא. בְּשַׁעַת מֶען פְרֶעגְט בַּיי זֵיי אַ שְׁאֵלָה: אַיְיעֶרֶע חֲבֵרִים בַּאקוּמֶען אוֹיךְ אַ אִידִישְׁן חִינוּךְ אָבֶּער אָן קַנָּאוּת אוּן אָן דִקְדוּקִים, וואוּ שְׁטֵייט דָאס אַז אִיר דַארְפְט זַיְין דִי מְהַדְּרִים?

וַוְייזְן זֵיי אָן, אָט אִיז דָא אַ סוֹחֵר וואָס הַאלְט מִיט אוּנְז, אָט אִיז דָא אַ גְבִיר וואָס הַאלְט מִיט אוּנְז, אַ רָב וואָס הַאלְט מִיט אוּנְז, אַן אַלְטֶער אִיד אָדֶער אַ פְּרוֹי וואָס הַאלְט מִיט אוּנְז, אִיז דָאס גִיט זֵיי אַ שְׁטַארְקַיְיט אוֹיף דוּרְכְגֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת וואָס זֵיי הָאבְּן אִין זֵייעֶרֶע ד׳ אַמּוֹת.

אוּן דֶער יִישַׁר כֹּחַ קוּמְט צוּ דִי וואָס לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידִים אוּן וֶוערְן נִיט נִתְפָּעֵל פוּן נִסְיוֹנוֹת אוּן זַיְינֶען מַמְשִׁיךְ אִין דֶעם דֶרֶךְ הַחִינוּךְ, אוּן צוּ דִי עַסְקָנֵי הַחִינוּךְ וואָס זְשַׁאלֶעוֶוען נִיט מִנִּשְׁמָתָם, מִגּוּפָם וּמִמָּמוֹנָם, אוּן גִיבְּן וִויפְל זֵיי קֶענֶען, וּבְמֶשֶׁךְ

bornly continuing to **give money to a yeshiva that raises students who do nothing, who do not have any connection to what is going on in this world? They are going to go around with beards, wearing long coats. And you will be the cause of raising people who will not know what to do when they go out into the world."**

The supporters of Torah education **possess the strength not to be affected** by such arguments. **On the contrary,** the need to confront such arguments should **serve as a lesson:** Seeing **how hard** others **try to discourage them from** giving **this** support should be **proof that** their own approach **is true; it is specifically this** approach **that** leads to **saving** the future of **the Jewish people. Accordingly, not only should they not reduce their work with their souls, their bodies, or their financial support – or all three – on behalf of Torah education, but, in the future, they should commit themselves with additional strength.**

**This endows the younger generation with strength.** The youth may be **asked: Your friends** also **receive a Jewish education, but without** such **zealousness and attention to detail. What requires you to be** so strict and **careful?**

**They** can **point** to supporters of Torah education and say, **"Here is a** successful **merchant who supports us. Here is a wealthy man who supports us** – and also **a rabbi,** and **a** venerable **older man or woman."** The backing of these individuals encourages and **strengthens** the yeshiva students **who must withstand the challenges they face in their** surroundings.

**Appreciation is due to the teachers who instruct these students and remain unaffected – despite the challenges** they encounter – **and continue providing them with such an education.** The same is true **regarding the communal leaders who do not stint on** investing **their souls, bodies, and financial resources, who**

**give as much as they can – and over the course of time will probably offer even more than they can – as long as they can support Jewish education in purity** and **holiness, with the pure fear of G-d.**

הַזְּמַן ווֶעלְן זֵיי מִסְתָּמָא גֶעבְּן יוֹתֵר מִכְּפִי יְכָלְתָּם - אַבִּי אוֹיפְצוּהַאלְטְן דֶעם חִינּוּךְ עַל טַהֲרַת הַקֹּדֶשׁ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם טְהוֹרָה.

## "In Those Days" and "In Our Time"

8. Those who **stand firm on the path of "educat[ing] a youth according to his way,"**[6] **without any compromises,** can draw strength from **the lesson that Chanukah** provides us.

In that era, the Jews **were not willing to accept even leniencies that Torah Law accepts. They demanded: We desire a miracle because we want to have a pure** *Beis HaMikdash,* **a pure** *menorah,* **and pure oil so that, as a result, the light will also be pure.**

**At that time, in a very brief while, G-d helped "deliver** the mighty into the hands of the weak, the many into the hands…," ending with the deliverance into **"the hands of those occupied with Your Torah."** As a result, **they dedicated the** ***Beis HaMikdash*** **with lamps whose light provides luminance for us until the present day. Even when the sun sets, when in the street it becomes darker and darker, in Jewish homes, the light proceeds and grows. Every night, the luminance increases.**

**Just as** several **miracles were performed for our ancestors "in those days," so too, will this occur "at present."**[19] **We can be sure that speedily, in our days, we will merit that a pure** *Beis HaMikdash* **built in the spiritual realms will descend** here, to this earthly plane. **All that is necessary for us to do is to prepare here a place for it to be erected.** Then, **Jewish children, Jewish adults of middle age,** and even **the elderly will illuminate**

ח. בְּשַׁעַת מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ אָן קֵיינֶע פְּשָׁרוֹת, ווִי דִי הוֹרָאָה וָואס עֶס אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעווָארְן חֲנוּכָּה, אַז מֶען הָאט נִיט גֶעווָאלְט אֲפִילוּ קוּלוֹת אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶען הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען ווִיל הָאבְּן אַ נֵס, ווָארוּם מִיר ווִילְן הָאבְּן אַ מִקְדָּשׁ טָהוֹר, אַ מְנוֹרָה טְהוֹרָה אוּן שֶׁמֶן טָהוֹר, בְּמֵילָא וֶועט דִי לִיכְטִיקַיְיט אוֹיךְ זַיְין אַזוֹי.

אִיז אַזוֹי ווִי דֶעמָאלְט הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז בְּמֶשֶׁךְ אַ קוּרְצֶער צַיְיט אִיז גֶעווֶען דֶער "נָתַתָּ" פוּן דִי אַלֶע חֲלוּקוֹת בְּיַד עוֹסְקֵי תוֹרָתֶךָ, אוּן מֶען הָאט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט אַזֶעלְכֶע נֵרוֹת ווָאס זֵיי לַיְיכְטְן אוּנְז בִּיז הַיְינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער, ווֶען אוֹיפְן גַאס וֶוערְט פִינְסְטֶער אוּן נָאךְ פִינְסְטֶערֶער, אִיז אִין אִידִישֶׁע הַיְיזֶער לִיכְטִיק, אוּן מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ, יֶעדֶער נַאכְט וֶוערְט דִי לִיכְטִיקַיְיט אַ גְרֶעסֶערֶע -

אִיז כְּמוֹ שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִיצְטֶער בִּזְמַן הַזֶּה, קֶענֶען מִיר זַיְין זִיכֶער אַז בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ ווֶעלְן מִיר זוֹכֶה זַיְין, אַז עֶס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען דֶער מִקְדָּשׁ טָהוֹר הַבָּנוּי לְמַעְלָה - מֶען דַארְף מֶער נִיט ווִי צוּגְרֵייטְן דָא אַן אָרְט וואוּ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אִים - אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִידִישֶׁע אִידְן פוּן מִיטֶעלְן דוֹר אוּן פוּן עֶלְטֶערן

19. Cf. the wording of the second blessing recited over the Chanukah lights.

דור, וועלן מאכן ליכטיק דעם בית המקדש מיט דער וועלט ארום זיי, ניט נאר מיט א נר של מצוה אליין, נאר אויך מיט א נר טהור בתכלית וקדוש בתכלית, וואס דאס וועט ממשיך זיין שכינתו יתברך בתחתונים ממש, אז דער עולם הזה וואס איז געווען ביז איצטער א חומרי, אדער לכל הפחות א גשמי, וועט ווערן א בית המקדש לשכינתו יתברך.

(משיחת ליל נר ג׳ דחנוכה, תשי״ד)

**the *Beis HaMikdash* and the places around it – not only with the lamp of *mitzvah* alone, but with a lamp of the ultimate purity and holiness, which will draw down G-d's Presence to this lowly realm. This world, which until now was a material world, or at least a physical world,[20] will become a *Beis HaMikdash* for G-d's Presence.**

20. As explained in *Chassidus,* the words "the material and physical" are not redundant. Physicality refers to earthly existence per se, while materiality refers to the tendency to consider this world as having an independent existence, separate from G-dliness. This encourages physical desire and self-centeredness.

כד) זע מהרש״א שבת כא, ב.
כה) שבת כא, ב.
כו) פסחים פ, א.
כז) משלי כב, ו.
כח) דברים כ, יט. און זע תענית ז, א.
כט) סנהדרין מד, א.
ל) זע דארט מג, ב.
לא) סוכה נב, א.
לב) ראש השנה טז, ב.
לג) דניאל יב, ב.
לד) סנהדרין עד, ב.
לה) סוסה מא, ב.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie